# טשילדרענ'ס סינגעל פוינט אוו עקסעס רעפערענס וועג-ווייזער

טשילדרענ'ס סינגל פוינט אוו עקסעס (Children’s Single Point of Access, CSPOA) איז א רעפערעל סיסטעם פאר קינדער און יוגנטליכע מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וועלכע נויטיגן זיך אין מענטעל העלט סערוויסעס. CSPOA פארבינדט קינדער און יוגנטליכע צו ריסאורסעס וועלכע ערמעגליכט זיי צו פארבלייבן אינדערהיים אדער אין זייער קאמיוניטי ווען עס איז נאר מעגליך. CSPOA קען דירעקטירן מענטשן יונגער פון 22 יאר צו אן איוסוואל פון קאמיוניטי סערוויסעס. נאכן באקומען א רעפערעל, וועט א CSPOA ספעציאליסט דורכפירן אן אפשאצונג ווי זיי וועלן אויספרעגן די פאמילע און רעפערעל קוואל צו באשטימען פאסיגע פראגראמען פאר די קינד אדער יוגנטליכע.

CSPOA נעמט אן רעפערעלס פאר די פאלגענדע פראגראמען:

## Health Home Care Management (יונגער פון 22 יאר)

Health Home Care Management (העלט האום קעיר פארוואלטונג) איז עוועילעבל פאר קינדער און יוגנטליכע וועלכע זענען יונגער פון 22 יאר, זענען איינגעשריבן אין Medicaid, און דארפן א העכערע שטאפל פון קעיר צוליב דעם וואס זיי האבן אדער:

- צוויי אדער מער כראנישע געזונטהייט פראבלעמען, ווי צום ביישפיל סובסטאנץ באנוץ, אסטמא, אדער צוקער
- איינצעלנע בארעכטיגטע צושטאנד פון אן ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם, קאמפלעצירטע טראומע, אדער HIV

די פראגראם:

- קא-ארדענירט די פיזישע און אויפפירונג העלט קעיר געברויכן פון קינדער און יוגנטליכע
- אנטוויקלט א ברייט-ארייננעמענדע פלאן פון קעיר צו דאקומענטירן די געברויכן, צילן, און סערוויסעס פון קינדער און יוגנטליכע
- רעפערירט קינדער און יוגנטליכע צו בעניפיטירנדע סערוויסעס
- העלפט סקעדזשולען און מסדר זיין אפוינטמענטס פאר קינדער און יוגנטליכע
- העלפט ארויס פאמיליעס מיט שטיצע צו פארשטיין וויאזוי צו מענעדזשען העלט קעיר און סאוציאלע געברויכן
- באשטימט בארעכטיגונג פאר די Children’s Waiver Home and Community Based Services (קינדער'ס וועיווער היים און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס) פראגראם

רעפערעלס צו Health Home Care Management קענען אויך געמאכט ווערן צו א [Health Home Serving Children or care management agency (העלט האום וואס באדינט קינדער אדער קעיר מענעדשמענט אגענטור)].

**צו מאכן א רעפערעל צו Health Home Care Management, מוזט איר אריינגעבן:**

- CSPOA אפליקאציע חלק א
- CSPOA צושטימונגס בויגן
- סיי וועלכע אנדערע שטיצנדע דאקומענטן (נישט געפאדערט)

**Non-Medicaid Care Coordination (יונגער פון 22 יאר)**

Non-Medicaid Care Coordination (נאן-Medicaid קעיר קאארדינאציע) איז עוועילעבל פאר קינדער און יוגנטליכע וועלכע זענען יונגער פון 22 יאר, זענען נישט איינגעשריבן אין Medicaid, און זענען דיאגנאזירט מיט אן ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם.

די פראגראם:

- מאכט זיכער אז קינדער און יוגנטליכע באקומען די העלט און סאויציאלע סערוויסעס וואס זיי דארפן
- קא-ארדענירט די פיזישע און אויפפירונג העלט קעיר פון קינדער און יוגנטליכע
- אנטוויקלט און פירט אן די פערזענליכע פלענער פון קעיר
- פארבינדט פאמיליעס מיט קאמיוניטי ריסאורסעס
- העלפט סקעדזשולען און מסדר זיין אפוינטמענטס פאר קינדער און יוגנטליכע

**צו מאכן א רעפערעל פאר Non-Medicaid Care Coordination, מוזט איר ארייננגעבן:**

- CSPOA אפליקאציע חלק א
- CSPOA צושטימונגס בויגן
- סיי וועלכע אנדערע שטיצנדע דאקומענטן (נישט געפאדערט)

**High Fidelity Wraparound (יארגענג פון 12 ביז 20)**

High Fidelity Wraparound (HFW) איז עוועילעבעל פאר קינדער און יוגנטליכע צווישן די עלטער פון 12 און 20 וואס וואוינען אין די Bronx, Brooklyn, אדער Queens, און זענען דיאגנאזירט מיט אן ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם. די פראגראם איז עוועילעבעל פאר קינדער און יוגנטליכע אפגעזעהן צו זיי זענען איינגעשריבן אין Medicaid אדער נישט. פאמיליעס וואס זענען איינגעשריבן אין HFW טרעפן זיך מיט א טיעם וואס באשטייט פון א קעיר מענעדשער, פאמיליע געזעלשאפט אדוואוקעיט, און א יוגנטליכע געזעלשאפט אדוואוקעיט.

די פראגראם:

- אנטוויקלט א פאמיליע-געטריבענע פלאן מיט קינדער און יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס וואס שטיצט זעלבסט-אדוואקסי
- העלפט קינדער און יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס צו פריאריטאזירן און דערגרייכן זייערע אויפפירונג געזונטהייט געברויכן
- פארבעסערט קינדער און יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס' מעגליכקייט צו מענעדשן זייערע אייגענע סערוויסעס
- אנטוויקלט און פארשטערקערט קינדער און יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס' נאטורליכע סאוציאלע שטיצע סיסטעם

**צו מאכן א רעפערעל צו HFW, מוזט איר ארייננגעבן:**

- CSPOA אפליקאציע חלק א
- CSPOA צושטימונגס בויגן
- דאקומענטאציע וואס באשטעטיגט די קינד אדער יוגנטליכע'ס ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם דיאגנאוסעס (ווי צום ביישפיל א פסיכיאטרישע, פסיקאו-סאוציאלע, אדער פסיכאלאגישע אפשאצונג בויגנס אדער אן ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם באשטעטיגונגס בויגן)
- סיי וועלכע אנדערע שטיצנדע דאקומענטן (נישט געפאדערט)

**<u>Youth Assertive Community Treatment (יארגענג פון 10 ביז 20)</u>**

Youth Assertive Community Treatment (יוגנט עסערטיוו קאמיוניטי באהאנדלונג, Youth ACT) איז עוועילעבעל פאר קינדער און יוגנטליכע אין די עלטער פון 10 ביז 20 וועלכע זענען דיאגנאזירט מיט אן ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם און האבן אויך נאך אנגייענדע הויכע-סערוויס געברויכן. די פראגראם איז עוועילעבעל פאר קינדער און יוגנטליכע אפגעזעהן צו זיי זענען איינגעשריבן אין Medicaid אדער נישט. Youth ACT שטעלט צו א ברייט-אריינעמענדע טיעם פון פראפעסיאנאלן צו צושטעלן אינטענסיווע, הויך קא-ארדינירטע, און פערזענליכע סערוויסעס און געשולטע טערעפיוטיק אינטערווענירונגען צו ערמעגליכן קינדער און יוגנטליכע צו פארבלייבן אין זייערע היימען, שולעס, און קאמיוניטיס.

די פראגראם:

- רעכנט אריין א טיעם וואס באשטייט פון א קלינישע סופארט ספעציאליסט, א פסיכיאטרישע נורס פרעקטישענער, א פראגראם מיטהעלפער, א קלינישע סופארט ספעציאליסט, א טיעם אנפירער, געלייסענסטע מענטעל העלט פראפעסיאנאלן, און געזעלשאפט און פאמיליע אדוואקיטס
- שטעלט צו די פאלגנדע סערוויסעס:
  - פארוואלטונג איבער די קעיס
  - אפשאצונג
  - טעראפי
  - פסיכא-עדיוקעישען
  - קריזיס אינטערווענירונג
  - קאנטראלירן מעדיצינען
  - געזעלשאפט הילף סערוויסעס
  - קאריערע און עדיוקעישענעל סערוויסעס

**צו מאכן א רעפערעל צו Youth ACT, מוזט איר אריינגעבן:**

- CSPOA אפליקאציע חלקים א און ב
- CSPOA צושטימונגס בויגן
- דאקומענטאציע וואס באשטעטיגט די קינד אדער יוגנטליכע'ס ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם דיאגנאוסעס (ווי צום ביישפיל א פסיכיאטרישע, פסיקאו-סאוציאלע, אדער פסיכאלאגישע אפשאצונג בויגנס אדער אן ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעם באשטעטיגונגס בויגן)
- סיי וועלכע אנדערע שטיצנדע דאקומענטן (נישט געפאדערט)

**<u>Community Residence (יארגענג פון 8 ביז 17)</u>**

Community Residences (קאמיוניטי וואוינונגען, CR) זענען קליינע טערעפיוטיק גרופע היימען געלייסענסט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטעל העלט וואס סערווירט קינדער און יוגנטליכע אין די יארגענג פון 8 ביז 17. oCR באדינען ביז צו אכט קינדער און יוגנטליכע וועלכע וואוינען מיט און זענען אונטער די אויפזיכט פון ספעציעל טרעינירטע שטאב. קינדער און יוגנטליכע ווערן געשיקט צו א CR וואס איז ווי נענטער צו זייערע היימען ווי שייך. קלינישע סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט דורך לאקאלע מענטעל העלט פראגראמען אינדרויסן פון די CR. עס זענען פארהאן oCR 10 אין ניו יארק סיטי.

די פראגראם:

- שטעלט צו מסודר'דיגע אקטיוויטעטן פאר די טאג-טעגליכע לעבן
- שטעלט צו טרעינירונג צו קענען לייזן פראבלעמען
- פירט דורך פאמיליע ארבעט

**צו מאכן א רעפערעל צו CR, מוזט איר אריינגעבן:**

- CSPOA אפליקאציע חלקים א און ב
- CSPOA צושטימונגס בויגן
- א פסיכיאטרישע אפשאצונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר, מיט א 90-טאגיגע אפדעיט)
- א פסיכא-סאוציאלע אפשאצונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר)
- א פיזישע אונטערזוכונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר)
- א פערזענליכע עדיוקעישען פראגראם (Individualized Education Program, IEP) פלאן (אויב אוועקגעשטעלט)
- א פסיכיאלאגישע אפשאצונג (אויב די קינד אדער יוגנטליכע האט אן IEP פלאן)

__Refocus Community Residence (יארגענג פון 14 ביז 20)__

Refocus Community Residence (די רי-פאקוס קאמיוניטי וואוינונג), וואס געפונט זיך אין קווינס, איז א קליינע טערעפיוטיק גרופע היים, געלייסענסט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטעל העלט, וואס סערווירט ביז אכט קינדער און יוגנטליכע אין די יארגענג פון 14 ביז 20.

די פראגראם:

- לייגט געוויכט אויף צוצוגרייטן עלטערע צענערלינגען צו מצליח זיין צו לעבן זעלבסשטענדיגערהייט
- שטעלט צו קלאסן פאר לעבנס סקילס
- שטעלט צו געזעלשאפט אדוואקאסי גרופעס
- העלפט זיך צו פריש פארבינדן מיט פאמיליע מיטגלידער
- העלפט בויען אן אינפארמאלע שטיצע נעטווארק פון מיטליידנדע און ערוואקסענע

**צו מאכן א רעפערעל צו די Refocus Community Residence, מוזט איר אריינגעבן:**

- CSPOA אפליקאציע חלקים א און ב
- CSPOA צושטימונגס בויגן
- א פסיכיאטרישע אפשאצונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר, מיט א 90-טאגיגע אפדעיט)
- א פסיכא-סאוציאלע אפשאצונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר)
- א פיזישע אונטערזוכונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר)
- א פערזענליכע עדיוקעישען פראגראם (IEP) פלאן (אויב אוועקגעשטעלט)
- א פסיכיאלאגישע אפשאצונג (אויב די קינד אדער יוגנטליכע האט אן IEP פלאן)

__וואוינונג באהאנדלונג פאסיליטי (יארגענג פון 5 ביז 20)__

א וואוינונג באהאנדלונג פאסיליטי (Residential Treatment Facility, RTF)  איז א וואוינונג פסיכיאטרישע פאסיליטי וואס שטעלט צו ברייט-אריינעמענדע מענטעל העלט באהאנדלונג פאר קינדער און יוגנטליכע אין די עלטער פון 5 ביז 20 וואס דארפן לאנג-טערמיניגע באהאנדלונג (מער פון 180 טעג) אין א וואוינונגס סביבה. RTFס שטעלן צו אלע געברויכן אויף איין ארט.

די פראגראם נעמט אריין:

- שולע
- פארוויילונג געלעגנהייטן
- קאריערע טרענירונג
- מעדיצינישע און מענטעל העלט סערוויסעס

oRTF ווערן נאר גענומען אין באטראכט נאך וואס מען האט שוין פראבירט קאמיוניטי באזירטע מעגליכקייטן. CSPOA באקומט רעפערעלס פאר oRTF און באשטומט די גענצליכקייט פון די רעפערעלס. איינמאל א רעפערעל ווערט באשטעטיגט אלס פארענדיגט, שיקט די CSPOA די רעפערעל פאר די ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטעל העלט, וועלכע באשליסט צו אייער קינד אדער יוגנטליכע איז בארעכטיגט פאר די סערוויס.

**צו מאכן א רעפערעל צו אן RTF, מוזט איר אריינגעבן:**

- CSPOA אפליקאציע חלקים א און ב
- CSPOA צושטימונגס בויגן
- ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטעל העלט RTF אויטאריזאציע איבערזיכט פראצעדור ערלויבעניש בויגן (אונטערגעשריבן דורך א לעגאלע פאראנטווארטליכע)
- ניו יארק סטעיט בקשה פאר Medicaid יוגנט דיסאביליטי באשלוס (אונטערגעשריבן דורך א לעגאלע פאראנטווארטליכע)
- א פסיכיאטרישע אפשאצונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר, מיט א 90-טאגיגע אפדעיט)
- א פסיכא-סאוציאלע אפשאצונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר)
- א פיזישע אונטערזוכונג (מיט א דאטום אין די לעצטע יאר)
- א פערזענליכע עדיוקעישען פראגראם (IEP) פלאן (אויב אוועקגעשטעלט)
- א פסיכיאלאגישע אפשאצונג (מיט א דאטום אין די לעצטע דריי יאר)

צו מאכן א רעפערעל צו CSPOA, שיקט אריין די נויטיגע דאקומענטאציע פאר די סארט פראגראם און סערוויס דורך איינער פון די פאלגנדע וועגן:

- אימעיל: cspoa@health.nyc.gov
- פאקס: 347-396-8849

פאר מער אינפארמאציע איבער CSPOA אדער די רעפערעל פראצעדור, רופט 347-396-7205 אדער באזוכט nyc.gov/health און סערטש פאר CSPOA.

3.25 Yiddish